# דאָס ביסעלע גליק

1

די מענשען שטרעבען יאָהרען לאַנג,
דעם גליק פֿיר זיך צו פֿאַנגען,
דאָך ווי צו מאַכען דיעזען פֿאַנג,
נאָך קיינער איז דערגאַנגען.
דער מיינט אַז גליק  אין רייכטהום ליגט
און יענער מיינט אין ליעבע,
דאָךביידע ווערען גלייך בעטריגט,
און ווייסען ניט די סבה.
קיין רייכטהום האָט האַפּט
די ליעבע פֿערשלאַפּט
פֿערשטעלט ווערט די שיין פֿון דיין בליק
דיין שיקזאל ער שווייגט
דיין קבר ערשט צייגט
אַז ווייט ביסטו מענש פֿון דיין גליק
(רעפֿריין)
אַך! דו! ביסעלע גליק,
שיינק דיין ליעבליכען בליק,
ווער קען דיר פֿערהאלטען
וואו ביסטו בעהאַלטען?
צייג אונז וואו דו ביזט.
אין געפֿאהר ווערט איינגעשטעלט
לעבענס כוחות און געלד.
נאָר דיך צו געווינען.
נאָר דיך צו געפֿינען.
דיך, דו ביסעלע גליק.

2

אָבוואָהל ניט יעדענס וואונש איז גלייך
ס´איז דאכט זיך גאַנץ פֿערשיעדען
דאָך ווער עס וויל נאָר גליקליך זיין.
דארף זיין מיט אַלץ צופֿריעדען
בעקעמפּף די פּיין און לאך פֿון נויט
די דאגות לאָז אויף מאָרגען
ביזט דו געזונט און פֿארדינסט דיין ברויט,
דאן זאָלסטו גאָר ניט זאָרגען.
דיין גליק איז מיט דיר
דו ביסט דאַן אַ גביר
צופֿרידענהייט ברענגט דיר דאָס גליק.

פֿערלאַנג ניט צופֿיעל
נאָר לעב רוהיג און שטיל
דאן ברויכסטו ניט צו שרייען מעהר.